STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03250

FREYDN UN LAYDN

J. S. Cantor

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ש. קאַנטאָר

פריידן און ליידן

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
מינסקער ברענטש 962, ארבייטער רינג

נויארק, נ. דזש.

1936

Copyright 1936,
by
J. S. CANTOR
Newark, N. J.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York City
234

י. ש. קאַנטאָר

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיינע עלטערן.

אין געראַנגל

אין שטוב איז אומעט האַרבסטיגער
געלעגן אויף די חושכ׳דיגע ווענט;
און דו אין פיינלעכער גסיסה
איינגעקלאַמערט אין מיינע הענט.
אַ שלעכטער מלאך אין ביטערן געראַנגל,
האָט דיך באַזיגט
און אין אייביגן שלאָף פאַרוויגט . . .
ווייס איך, אַז פרעמד זיינען דיר געווען
אַלע תענוגים פון לעבן,
און פאַר נויט, הונגער און קעלט
באַצאָלט האָסטו דעם האַר פון דער וועלט
מיט האַרציגע תפילות אַ סך
און אַ צוגאָב אים תעניתים געגעבן . . .
דערפאַר אָבער, געווען איז
דיין גייסטיגע עשירות זייער גרויס
— אַ ברייט־טיפער קוואַל,
וואָס שעפּט קיינמאָל זיך ניט אויס;
און דאָס איז פון דור־דורות
צו דיר בירושה געקומען,
פון וועלכן אויך איך
האָב אַ חלק איבערגענומען.
און ווי לאַנג בלייבן דאָ אויף דער ערד
וועט זיין מיר באַשערט;
ווערן וועט דיין שיינער אָנדענקען פון מיר
מיט ליבע געערט.

בענקשאַפט

ווען גרויסע וועלט פאַרכאַפּט איז
פון פרילינג׳ס זונען־פרייד;
ווער איך אַליין באַהערשט גאָר
פון אומעט׳ס פינסטערער לייד.

ווען פייגל פון ווייטע לענדער,
קערן אום זיך מיט געזאַנג;
האַלט נאָך אַלץ טיפער טרויער
מיין נשמה אין געפאַנג.

ווען הימל, ערד און רוים
די זון מיט גאָלד באַ׳חנ׳ט,
מיין האַרץ איז דאַמאָלסט פול
מיט בענקשאַפט, און ס׳וויינט.

מיך דערמאָנט פרילינג נאָר
אין פיינלעכן פאַרלוסט;
דערמאָנט מיין עלנט מיר
וועקט אַ וואונד אין מיין ברוסט.

ס׳האָט גרויזאַמער טויט אַמאָל אין פרילינג
אָן רחמנות, אָן געוויסן,
מיין ליבע, טרייע מאַמע פון מיר
אויף אייביג אַוועקגעריסן . . .

חלומות

אין זיסע האָפנונגען, גאָלדענע טרוימען
וועלן מיינע טעג שוין זיין פאַרצערט;
פון אַלע ערדיש־מענטשלעכע גליקן
זיינען מיר חלומות נאָר באַשערט.

שיינט אויף אין מיין הימל אַמאָל אַ שטערן,
אַן אָנזאָג אויף אַביסל גליק;
ווערט ער באַלד אויך אויסגעלאָשן,
האַלט נאָר אָן איין אויגנבליק.

אויף מיין גורל איך וועל זיך ניט באַקלאָגן,
נאָר מוטיג גיין מיין לעבנס־וועג;
אויפנעמען וועל איך מיט אַ פריילעך פנים
די טריבע, ווי די זוניגע, טעג.

האָפנונגען און טרוימען וואָס ווערן מקויים,
ווערן אויך וואָכעדיג און פאַרשוועכט;
הייליג בלייבן נאָר באַגערן,
וואָס ווערן קיינמאָל ניט דערגרייכט.

מיינע טעג

ווען מאָרגנשטערן לעשט זיך אויס
און זון די ממשלה קריגט;
ווערט ס'פענסטער אין מיין צימער
מיט גאָלדענע שטראַלן באַגליקט.

אַלע אינדערפרי ברענגט די זון
די גוטע בשורה מיר;
אַ טאָג מיט פרישע האָפנונגען
וואַרט שוין ביי מיין טיר.

ס'נעמען רייצן פאַרלאַנגען שיינע,
נאַרן מיך פון שטוב אַרויס;
נאָך גליק גע'חלומ'ט כ'נעם זיך יאָגן, —
ס'שעפן זיך מוט און כוחות אויס.

און האָט נאָך אַ טאָג שוין
נייע אַנטוישונג מיר געבראַכט;
אַ טרייסט ווען איך ווידער זוכן
אין דער שטילער צויבער־נאַכט.

ניט פאַרשטאַנען . . .

ניט פאַרשטאַנען האָב איך דאָס לעבן,
געדענקט, ס'איז אַ קינדער־שפּיל;
געווען יונג, נאַאיוו,
ניט געזוכט אין לעבן קיין ציל . . .

פאַרזונקען אין יוגנט־טרוימע
זיינען די יאָרן פאַרשוואונדן;
ניט געלאָזט קיינע שפּורן פון גליק,
בלויז שמערצלעכע וואונדן.

זיך ווייניג געקימערט וועגן תכלית,
צו ממשות'דיקייט געווען בלינד;
ניט געאַקערט און ניט געזייט,
וואָס צו שניידן — כ'האָב ניט אַצינד . . .

צום נייעם יאָר

ס'האָט אַ יאָר אויסגעטיילט מיר
שלעכטע שעה'ן, טריבע טעג;
וואָס ברענגסטו, נייער יאָר,
אַ מתנה מיר פון וועג? . . .

וועט מיין לעבן אייביג בלייבן
אָן אַ זין, אָן אַ ווערט?
צי עס איז אויך פון הימל
עפּס גוטס מיר באַשערט?

וועט די נויט און דער עלנט
שטענדיג בלייבן שוין מיט מיר?
צי ס'וועט דאָס גליק אויך
אַמאָל נאָך קלאַפּן אין מיין טיר?

וועלן שאָטנס נאָר פון טרויער
אין מיין האַרץ זיין אויסגעשפּרייט?
צי ס'וועט זיך אַהין ווייזן
אויך אַ שטראַל פון פרייד?

ס'האָט אַ יאָר אויסגעטיילט מיר
שלעכטע שעה'ן, טריבע טעג;
טראָגסט בעסערס, נייער יאָר,
אַ מתנה מיר פון וועג? . . .

ס'וויל דאָס האַרץ ניט וויסן

ס'וויל דאָס האַרץ ניט וויסן,
פון מאָס און פון רעכט;
און עס נאָגט און עס פּלאָגט
דורך טעג און דורך נעכט.

וואָס אין לעבן גוט איז —
ס'וויל דאָס האַרץ און גלוסט;
אַ ים פון פאַרלאַנגען
שטורעמט אין מיין ברוסט.

און אַלץ צו דערגרייכן
פעלט מוט און אויך כּוח;
אָה, איר שיינע טרוימען,
אומזיסט פרעסט איר מיין מוח.

ס'וויל דאָס האַרץ ניט וויסן
פון מאָס און פון רעכט;
און עס נאָגט און עס פּלאָגט
דורך טעג און דורך נעכט.

מוט . . .

פון גאַס צו מיר דערטראָגט זיך
דאָס געזאַנג פון אָרעמאַן;
אינם ליד פון גרויסן יאוש
אַ וועלט מיט טרויער איז פאַראַן.

הערצער ווערן באַלד געפאַנגען,
דער אָרעמאַן איז שוין באַגליקט . . .
די באַלוינונג פאַר זיין זינגען
אַ פּאָר מטבעות האַרט — ער קריגט.

ס'איז דעם בעטלערס „הייגט" פאַרטונקלט,
ניט געזיכערט איז זיין מאָרגן;
דאָך ביי מיר אין האַרצן טיף
צו אים אַ „קנאה" ליגט פאַרבאָרגן . . .

דער אָרעמאַן — זיינע ליידן —
מאַכט באַקאַנט ער צו דער וועלט;
אין מיר דאָס האַרץ ווערט צעריסן,
זיך באַקלאָגן — מוט מיר פעלט . . .

פרייד

אַ טיפע פרייד האָט מיך פאַרכאַפּט,
אַ ליכטיג־גאָלדענע פרייד;
ס'איז אַוועק פון מיר דער צער,
און פאַרשוואונדן איז די לייד.

אַ טיפע פרייד האָט מיך פאַרכאַפּט,
און זיך צעגאָסן אין אַלע גלידער;
ס'איז אַוועק פון מיר דער יאוש —
געקומען איז די האָפנונג ווידער.

עס האָט אַ פרייד אין מיין האַרץ
אַ ליבעס־פייער גענומען צינדן;
דאַן איז אַוועק פון מיר די זאָרג,
דער אומעט איז וייט פאַרשוואונדן . . .

מיין געבעט

ליבער, הארציגער גאָט אין הימל,
פאַרנעם מיין געבעט!
גיב מיר וואָס באַשערט איז
איידער ס'ווערט שוין שפּעט.

דעם קלענסטן ווערעמל מיט רחמנות
באַזאָרגסטו מיט שפּייז;
פון אַלע באַשעפענישן דעם אויסדערוויילטן,
דיין חסד באַווייז.

אָפּגעטעמפּט האָבן שלעכטע יאָרן
מיין האַרץ און מיין מוח,
הנאה האָבן פונ'ם לעבן
ניטאָ שוין באַלד קיין כוח.

באַשרענקט האָסטו, גרויסער גאָט,
די טעג פון אונזער לעבן;
טאָ, איילזשע צו אַביסל,
אויב דו ווילסט מיר וואָס געבן...

צום פרילינג

דעם גאַנצן ווינטער האָב איך לאַנג געוואַרט,
דער פרילינג זאָל שוין קומען;
כ'האָב ניט אַזוי נאָך פרילינג געגאַרט,
ווי נאָך די גערטנער און בלומען.

כ'האָב אויך ניט די גערטנער געמיינט,
ניט די לוסטיגע פייגל־לידער;
מער פון אַלץ האָב איך געבענקט,
מיטן מיידל דאָרט זיך טרעפן ווידער.

און אָט איז פרילינג אין פולן פראַכט שוין,
ס'טראָגט זיך דופט שוין פון די בלומען;
נאָר פאַרשפּעטיגט האָט דאָס מיידל,
וועט שוין אפשר גאָר ניט קומען . . .

צו אַ פריינט

ס'האָט דאָס לעבן קיין פרייד,
קיין גליק געגעבן דיר;
ניט זיי פאַרצווייפלט, פריינט,
האָפנונג ניט פאַרליר!

אינ'ם שווערן לעבנס־וועג
געפאַלן ביסטו אַ מידער;
מיט פרישע כוחות נאָך אַמאָל
באַניי דעם קאַמף ווידער.

ס'איז דער וועג צום גליק
ניט אויסגעשפרייט מיט בלומען;
זיי געדולדיג, פריינט,
ס'וועט דאָס גליק נאָך קומען.

ניט פאַרגעסן וועל איך דיך

ווי לאַנג אין מיין האַרצן
וועט לעבן נאָך זיין, —
ניט פאַרגעסן וועל איך דיך,
טייערסטע מיין.

ווי לאַנג ס'וועט מיין מוח
קאָנען נאָך דענקען,
וועל איך פון דיר נאָר
חלומ'ען און בענקען.

כ'וועל בענקען נאָכן פייער
פון דיין צוויבערלעכן בליק,
נאָך די ליכטיגע שעה'ן
פון האָפנונג און גליק.

נאָך די שעה'ן כ'פלעג טרינקען
מיט דורשטיגן לוסט,
נאָך דיין ליבע וואָס טריפט,
מיטן בלוט פון דיין ברוסט.

ס׳ניט פאַרענדיגטע ליד

געוואָלט האָב איך אַ ליבע ליד שאַפן,
פון אַ ליבע, וואָס איז אויפריכטיג און שיין;
אַ ליבע אָן פראָסטע חשבונות,
און פון זינדיגע מחשבות איז ריין.

פאַרן ליד געזוכט האָב איך ווערטער
זאָלן קלינגען שיין און הויך;
ווייל דאָס מיידל, וואָס איז מיר ליב און טייער,
פונם ליד האָט געזאָלט זיין דער תוך.

איז געקומען דער ביטערער קריזיס
און פאַרשפּרייט זיין טייוועלישע מאַכט;
האָט דאָס מיידל וואָס איז ליב מיר און טייער,
פון איר ראָמאַנטישן חלום דערוואַכט.

און אין שאָטן פון תכלית׳דיגן לעבן,
גייסטיג צעבראָכן און מיד;
האָב איך פאַרלאָרן דעם חשק צו שאַפן,
ניט פאַרענדיגט איז געבליבן דאָס ליד . . .

מיר אַרט ניט . . .

מיך אַרט ניט דער כמאַרנער ווינטער
מיט זיינע טעג די טריבע,
ווען דו האָסט באַגליקט מיך
מיט דיין פריינטשאַפט און ליבע.

מיך אַרט ניט וואָס די גרויע וואָלקנס
האָבן דער זון דעם וועג פאַרשטעלט;
פאַראַן גענוג פייער אין דיין נשמה
צו באַלייכטן מיר מיין וועלט.

אויב דער גאָרטן איז פאַרלאָזן,
איינגעשטילט איז די פייגל־מוזיק;
לעבט נאָך פרילינג אין מיין האַרץ —
איך זינג פון ליבעס גרויסן גליק.

מיך אַרט ניט וואָס דער בייזער ווינטער
האָט געטויט בלום און בוים;
ביזטו מיין שיינע, בליענדע רויז,
פילסט אָן מיט פרייד מיין הימלס־רוים.

אַזוי ביסטו

אַ לויטערער וואַסער צו שטילן דעם דורשט,
אַ ליכטשיין אָנצואווייזן דעם וועג
דעם מידן וואַנדערער וואָס גאַרט נאָך רו —
אַזוי, ליבסטע, ביזטו פאַר מיר, אַזוי ביזטו.

טוי־טראָפּנס און זונשיין פאַר דער מוטער־ערד,
פאַר אַלערליי פלאַנצונגען און בלומען,
וואָס טיילן אויס אונז פרייד און גליק —
אַזוי איז, טייערסטע, דיין שמייכל, דיין בליק.

ביזט פאַר מיר אַ קוואַל פון גאָלדענער האָפענונג,
אַ דערפרישונג פאַר מיין האַרץ און נשמה,
וואָס פון לעבנס־פוסטקייט זיינען קראַנק און מיד —
די העכסטע באַגייסטערונג פאַר מיין שעפערישן ליד . . .

צו אַ מיידל

אויב אָפּצושטעלן דאָס ליכט פון דער זון
וואָלט וועלט'ס הערשער זיך פאַרגלוסט, —
געקאָנט וואָלטן דיינע ליכטיגע אויגן
פאַרריכטן דעם גרויסן פאַרלוסט.

אויב ס'וואָלטן ביטערע קעלטן דאַן
אַלץ וואָס לעבט אין געפאַר געשטעלט, —
באַזיצסטו נשמה־וואַרעמקייט גענוג
איינצוטיילן די גאַנצע וועלט.

און באַווייזט זיך אויף דיינע ליפּן אַ שמייכל,
רעדסט אוים אַ ליבהאַרציג וואָרט, —
פאַרשווינדט פון זאָרג יעדער שפור,
ס'בלייבט ניט פאַרן אומעט קיין אָרט.

אָט אַזוי . . .

דו האָסט, ליבסטע, מיך פאַרלאָזן
און אפשר קיינמאָל שוין ניט קומען צוריק, —
טראָג איך זיך אַרום מיט דיינע בילדער —
כ'וויל זעטיגן מיין הונגעריגן בליק.

דו האָסט, ליבסטע, אויפגעהערט מיר בריוולעך שרייבן
און פרעמד איז געוואָרן דיר מיין וועג,
לייען איך ווידער דיינע בריוועלעך די אַלטע —
זיי דערציילן פון גאָלדענע טעג.

און ווער איך פאַרכאַפּט פון גרוים בענקשאַפט,
ווייל פון דיר נאָר איך טראַכט, —
וועבסטו מיר שיינע חלומות
אין שטילקייט פון דער נאַכט.

אָט אַזוי, זעסטו, טייערע,
ווערט ליבעס־דורשט געשטילט;
אָט אַזוי ווערט באַפרידיגט
אַ האַרץ, וואָס בענקט און וואָס פילט . . .

איך ווייס...

איך ווייס, אַז מיין האַרץ
וועט לאַנג נאָך דיר בענקען,
כ'קען אָבער ווייטער שוין
מער פון דיר ניט דענקען.

איך ווייס, אַז אָן דיר
בלייבט עלנט מיין לעבן;
דו אָבער קאָנסט מער שוין
קיין פרייד מיר ניט געבן.

דו האָסט מיט שיינע ווערטער
מיין האַרץ נאָר באַטריבט;
אין אמת'ן האָסטו קיינמאָל ניט
מיך האַרציג געליבט.

און ביזטו צו מיר נאָענט, —
טוליעסט זיך ביי מיין זייט, —
בלייבסטו סיי־ווי פרעמד מיר,
ווערסטו נאָך מער פון מיר ווייט...

צוזאַמען ...

ווען צוזאַמען נאָר מיר זענען,
באַלעבט פון ליבעס־שטימונג —
די זון וואַרפט ווידער די שטראַלן, —
און איך ווער באַנייט און יונג.

ווען צוזאַמען נאָר מיר זענען,
ווערן פילע סודות מיר קלאָר, —
כ׳צערטל איר הימל־רויט געזיכט,
און פלעכט אירע גאָלדענע האָר.

ווען צוזאַמען נאָר מיר זיינען,
באַלעבט מיט לוסט פון יוגנט, —
דאַן באַהערשט מיך איר שאַרפער בליק
און ס׳זינגט ווידער די טוגנט ...

צער און בענקשאַפט

דער זומער וועט מיך ניט פרייען,
ניט ס'ליד וואָס פייגל זינגען, —
אַ בליק פון דיר איך וועל ניט זעען,
דיין שטימע ניט הערן קלינגען.

מיך דער גאָרטן וועט ניט פרייען,
מיט זיינע רויטע בלומען;
דאָרט אַרומוואַנדערן וועל איך אַליין,
דו וועסט אַהין ניט קומען.

אויב עס שיידן זיך די וועגן,
און פרעמד בלייבט מיר דיין ליבע;
מעג דער ווינטער אייביג דויערן
מיט זיינע טעג די טריבע . . .

ביזטו געקומען

געוועז איז דאָס לעבן מיינס
אָן אַ זין און אָן אַ ציל;
ביזטו געקומען, ליבסטע מיין,
און געבראַכט פרייד מיר פיל.

געוועזן איז דאָס לעבן מיינס
אַ קייט פון אומעטיגע טעג;
ביזטו געקומען, ליבסטע מיין,
און פאַרגרינגערט מיר דעם וועג.

ביזטו געקומען און באַגליקט מיך
מיט דיין שמייכל, מיט דיין בליק;
צוריקגעקערט די יוגנט מיר,
און פאַרשפּראָכן מיר פיל גליק.

ביזטו געקומען און געבראַכט מיר
ליבע און האָפנונג צו מיין טיר;
אָבער זאָג מיר, ליבסטע מיין,
בלייבסטו אויף אייביג שוין מיט מיר? . . .

פרילינג און דו

ווען געקומען דו ביזט, ליבסטע,
ווי פון הימל מיר באַשערט;
אַן אָנזאָג אויפן פרילינג,
האָט מיין אויער באַלד דערהערט.

האָבן האָפנונגס־גאָלדענע שטראַלן,
העל באַלויכטן מיר דעם וועג;
זיינען אומעט־שאָטנס פאַרשוואונדן,
אויפגעשיינט האָבן פריידיג טעג.

האָט דאָס לעבן אויך געקראָגן,
אַ טיפן זינען און אַ תוך;
איז קיין שפור פון יאוש געבליבן,
און צער איז צעשוואומען ווי רויך . . .

ווי דער פרילינג אויך מיין ליבסטע
צו אַ נייעם לעבן וועקט און רופט;
און פון ביידן זיך דערטראָגן
גן־עדן ריחות, בלומען דופט.

צו אַ פריינט

איך פיל דיין צער און ווייס דיין טרויער,
כאָטש דו אַליין קיינמאָל זיך באַקלאָגסט;
איך זע דיין רוקן אינגאַנצן געבויגן
פון לעבנס־יאָך דעם שווערן דו טראָגסט.

איך פיל דיין ווייטאָג און ווייס דיינע ליידן,
כאָטש דו אַליין פאַר קיינעם זאָגסט אויס;
איך זע אויף דיינע ליפּן אַ קרענקלעכן שמייכל, —
פון דיינע אויגן ס'שפּאַרן זיך טרערן אַרויס.

איך פיל דיין צער און ווייס דיין טרויער,
דיר אָבער העלפן זע איך קיין וועג;
ס'איז מיין שיקזאַל ניט בעסער פון דיינעם,
מיינע צרות — ווי דער ים — האָבן קיין ברעג...

ליבע...

אין שטאָטישן גאָרטן, אין אַ ווינקל,
מיט גרויס בענקשאַפט איך וואַרט
אויף דער גוטער, ליבער מיידל,
וואָס מיין האַרץ לאַנג שוין גאַרט.

די שיינע, ליכטיגע זומער־זון
איצט נאָך העלער שיינט;
ס'האָט פאַרשפּראָכן דאָס שיינע מיידל
צו טרעפן מיך דאָ היינט.

ס'שטייען אויסגעפּוצטע אין גרינס דיביימער,
ווי צו אַ יום־טוב געגרייט, —
גלייך ווי ס'וואָלטן אויך זיי
מיט מיין גליק זיך געפרייט.

ס'צינדט די זון זיך רויט שוין,
גרויער און טונקעלער הימל ווערט, —
ס'האָט מיין גוטע, שיינע מיידל
מיין זיסע האָפנונג צעשטערט.

טיף פאַרזונקען אין מחשבות
פון אומזיסטיגע'חלומ'טן גליק, —
אויף אַנ'אַנדער ווינקל פון גאָרטן
געפאַלן איז מיין מידער בליק.

דאָס מיידל וואָס האָט צוגעזאָגט נעכטן
מיר ברענגען פרייד אין לעבן,
האָט שוין איצט איר ליבע
אַ צווייטן אַוועקגעגעבן.

איך פיל ניט צום פרעמדן קיין קנאה
און טראָג אויף אים ניט קיין פאַרדרוס, —
אַזאַ ליבע איז אַלעמאָל פרעמד מיר,
דערווידער איז מיר דער גענוס...

גרויסע מיינען

גרויסע מיינען, גרויסע דענקען —
זיי נאָר קענען, מעגן;
און צו „קליינע" נאָר פאַרבאָטן,
פאַרצאַמען אַלע וועגן.

ווערט דעם קינד עפּעס קשה
און ביי טאַטע־מאַמע פרעגט —
אַ בייזן בליק גיט די מאַמע,
ס'ווערט דער טאַטע אויפגערעגט.

און אַן ענטפער פונם טאַטן,
קומט אַ קלאַפּ, אַ שטויס;
דער מאַמעס בליקן זאָגן: —
וואַרט! — וועסט ווערן גרויס . . .

אַ נייע פראַגע ווערט געבוירן
אין קליינעם מוח'ל פונ'ם קינד: —
איז פרעגן, ווען ווילן וויסן
טאַקע אַזאַ גרויסע זינד?
— — — — — — — — — — —
ס'זיינען קינדער נאָך נאַאיוו
אַזאַ זאַך צו פאַרשטיין:
— ניט אַלעמאָל — אויך גרויסע —
ווייסן דעם ענטפער אַליין . . .